# דעם רבינ'ס ליכט

שופטים תשפ"ב
גליון 108

אֵייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

דִי וָואךְ אִין דֶער פַּרְשָׁה אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט וִוי פָאלְגְנְד, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ." זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רַשִׁ"י אוֹיף דֶער פָּסוּק, "הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת," זָאלְסְט גֵיין מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, "וּתְצַפֶּה לוֹ", אוּן דוּ זָאלְסְט וַוארְטְן אוּן הָאפְן אוֹיף אִים, "וְלֹא תַּחְקֹר אַחֲרֵי הָעֲתִידוֹת", זָאלְסְט נִישְׁט פָּארְשְׁן נָאךְ עֲתִידוֹת וָואס גֵייט קוּמֶען, "אֶלָּא כָּל מַה שֶּׁיָּבֹא עָלֶיךָ", וָואס עֶס זָאל נָאר קוּמֶען אוֹיף דִיר, "קַבֵּל בִּתְמִימוּת" זָאלְסְטוּ עֶס אָנְנֶעמֶען בִּתְמִימוּת, "וְאָז תִּהְיֶה עִמּוֹ וּלְחֶלְקוֹ", וֶועסְטוּ זַיין צוּזַאמֶען מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיין חֵלֶק.

דָאס וָוארְט 'תְּמִימוּת' אִיז טַייטְשׁ 'גַאנְץ'. 'שֶׂה תָּמִים' מֵיינְט אַ גַאנְצֶע שֶׁעפֶּעלֶע. נָאר מִיט תְּמִימוּת קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֵמוּת. מִיט חָכְמוֹת קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קֵיין שְׁלֵימוּת, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דָא אַ פָּסוּק: "אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה", אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל וֶוערְן קְלוּג, "וּרְחוֹקָה מִמֶּנִּי", וִוי מֶער מֶען אִיז קְלוּג אַלֶץ וַוייטֶער אִיז דִי חָכְמָה פוּן מִיר. דֶערִיבֶּער זָאגְט ר' נָתָן, "אֵין שְׁלֵימוּת כִּי אִם מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱמוּנָה בִּתְמִימוּת." וֶוער אִיז זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת? דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַ גַאנְצֶער אִיד, אַ שָׁלֵם בִּשְׁלֵימוּת.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", זָאלְסְט זַיין תָּמִים - זָאלְסְט זַיין גַאנְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט שְׁלֵימוּת! 'תְּמִימוּת' מֵיינְט 'שְׁלֵמוּת'.

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף תְּמִימוּת. אִין תּוֹרָה ה' אִין צְוֵוייטְן חֵלֶק - דִי תּוֹרָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אַ יָאר פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת אוּן וִוי בַּאוואוּסְט פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זָאגְן תּוֹרָה צְוִוישְׁן עֶרְשְׁטְן אוּן צְוֵוייטְן טָאג. נָאךְ מִנְחָה בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת אִיז דֶער מִנְהָג צוּ גֵיין זָאגְן תַּשְׁלִיךְ בַּיים טַייךְ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין אַלֶע סְפָרִים, סְ'אִיז דָא אַסַאךְ עִנְיָנִים אִין דֶעם אַז מֶען דַארְף גֵיין תַּשְׁלִיךְ דַּוְקָא בַּיים טַייךְ.




אוֹיפְן וֶועג צוּ תַּשְׁלִיךְ הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן שְׁמוּצִיג דֶעם רֶבִּי'נְס קַאפְּטְן מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַ נַייעֶם קַאפְּטְן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן תּוֹרָה הָאט עֶר דֶערְמַאנְט דִי זַאךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן תְּמִימוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם נִישְׁט נָאר בַּיים טוּן מִצְוֹת נָאר אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס סְ'אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם, לְמָשָׁל תַּשְׁלִיךְ אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ מִצְוָה אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִלִּין אָדֶער הִיטְן שַׁבָּת, סְ'אִיז אַ מִנְהָג, אַן עִנְיָן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין

המשך אויף זייט 10

# דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוֹיךְ

*המשך פון פאריגע וואך ר' חיים בנימין בראד ז"ל האט געטראפן א ספר וואס האט אים צוגעצויגן און מקרב געווען צום הייליגן רבי'ן אזוי איז ער געווואר געווארן פונעם רבי'נס צוזאג פאר ווער עס וועט קומען צו זיין ציון אין אומאן.*

צְווישְׁן דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטִיבְּל אִיז אִים בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן דֶער חֲשִׁיבוּת פוּן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אוּן זַיין צוּזָאג וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. אִין יֶענֶע יָארְן צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא גְרִינְגֶע אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, נָאכְדֶעם וָואס דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶעם מַאכְט אִין רוּסְלַאנְד. אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי רוּסְן, דָאס מֵיינְט אַז גֶעזֶעצְלִיךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וֶועג אַרִיבֶּערְצוּגַיין דִי גְרֶענִיץ פוּן פּוֹילְן. אָבֶּער דִי שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן הָאט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעוואוּיגְן. עֶר מִיט נָאךְ נַיין חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעשְׁוֶוערְצְט דִי גְרֶענִיצְן אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אוּמַאן.

פוּן אוּמַאן הָאט חַיִּים בִּנְיָמִין גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיו צוּ זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט, עֶר וֶועט אִין דִי נָאנְטֶע צַייט זַיין צוּרִיק אַהֵיים, אָבֶּער רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ, אַ קוּרְצֶע צַייט נָאכְן אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן הָאבְּן דִי רוּסְן פַארְשְׁטַארְקְט דִי כּחוֹת אַרוּם דִי גְרֶענִיצְן אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אוּמְמֶעגְלִיךְ עֶר זָאל קֶענֶען אַהֵיים פָארְן קַיין פּוֹילְן, אַזוֹי אִיז עֶר פַארְבְּלִיבְּן אִין אוּמַאן.

ר' חַיִּים בִּנְיָמִין אִיז אַרַיין אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן שִׁידוּכִים. אִין אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה הָאט מֶען אִים אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פוּן מֶעזִיבוּשׁ. דָאס מֵיידְל, שְׁלֹמֶה-רִבְקָה אִיז גֶעוֶוען דִי טָאכְטֶער פוּן ר' נַפְתָּלִי הֶערְץ נַאכְלִיס, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'ר' הֶערְצֶעלֶע'. פּוּנְקְט וִוי רוֹב אִידְן אִין מֶעזִיבוּשׁ אוּן אִין אוּקְרַיינֶע בִּכְלַל, אִיז ר' הֶערְצֶעלֶע גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, אַ תְּהִלִּים זָאגֶער. טְרָאצְדֶעם וָואס עֶר הָאט קוֹים גֶעקֶענְט לֵיינֶען עִבְרִי, אִיז אָבֶּער זַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן זַיין תּוֹרָה גֶעוֶוען צוּם בַּאוואוּנְדֶערְן.

"וֶוען מֶען הָאט גֶעזָאגְט אִין מֶעזִיבוּשׁ תְּהִלִּים אִין שׁוּל, פְלֶעגְן אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וֵויינֶען!" פַארְצֵיילְט דִי טָאכְטֶער פוּן ר' הֶערְצֶעלֶע.

ר' הֶערְצֶעלֶע הָאט גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ וואוֹינֶען אִין שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, דָארְט וִוי אוֹיךְ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן אוּן אוֹיפְגֶעוואַקְסְן. ר' הֶערְצֶעלֶע הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ שְׁלָאפְן אִין צִימֶער פוּן בַּעַל שֵׁם, אַלְס יִרְאַת הַכָּבוֹד צוּם הֵיילִיגְן אָרְט. דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶענִיצְט דֶעם צִימֶער צוּ הַאלְטְן דָארְט הֶעלְצֶער צוּם הֵייצְן אַז פְרֶעמְדֶע זָאלְן נִישְׁט אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן דָארְט. אַזוֹי פַארְצֵיילְט ר' בֶּן צִיּוּן אַפְּטֶער וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַלְס גַאסְט אִין מֶעזִיבוּשׁ אוּן גֶעוָואלְט אַייְנְשְׁטֵיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן הוֹיז. ר' הֶערְצֶעלֶע הָאט אִים גֶערְן אוֹיפְגֶענוּמֶען אָבֶּער בִּתְנַאי אַז אִין בַּעַל שֵׁם'ס שְׁטוּבּ זָאל עֶר אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֵיין.

"מַזָל טוֹב!" דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן. צוּם תְּנָאִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי חֲבֵרִים פוּנֶעם חָתָן, צְווִישְׁן זֵיי, הַבָּחוּר ר' מֹשֶׁה בִּיק דֶער זוּן פוּנֶעם אָרְטִיגְן רַב, רֶבִּי חַיִּים בִּיק זַ"ל. ר' מֹשֶׁה הָאט גֶעדִינְט אַלְס רַב אִין שְׁטָאט, טְרָאץ זַיין אִינְגְן עֶלְטֶער זַייעֶנְדִיג בְּלוֹיז פֶערְצְן יָאר. עֶר

המשך אויף זייט 10

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## תְּפִלָּה מִיט אֱמוּנָה

מִיר דַארְפְן וִויכְטִיג הָאבְּן נֵיין הוּנְדֶערְט שֶׁקֶל נָאךְ הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס גֵייט דָא זַיין?!

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶער טַאטֶע גֶעפִינְט זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, עֶר הָאט נֶעכְטְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן, וִויאַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְן?!

נִישְׁט גֶעזָארְגְט, מִיר זֶענֶען בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים... דֶעם רֶבִּי'נְס וֶועג אִיז דָאךְ תְּפִלָּה... מִיר הֵייבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן צוּם טַאטְן אִין הִימְל אוּן מִיר רֶעדְן צוּ אִים וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן.

טַייעֶרֶע טַאטֶע, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אָדֶער עֵצָה וִויאַזוֹי צוּ הָאבְּן דָאס גֶעלְט, אוּנְזֶער טַאטֶע וָואס שְׁטֶעלְט אוּנְז גֶעוֶוענְדְלִיך צוּ דָאס גֶעלְט וֶוען עֶר אִיז אִין שְׁטוּבּ אִיז יֶעצְט אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן אוּמַאן, מִיר הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פַארְבִּינְדְן צוּ אִים. בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ אַלֵיינְס קֶענְסְט אוּן דוּ וֶועסְט אוּנְז הֶעלְפְן.

מִיר קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ גֶעבְן עֵצוֹת פַארְן בַּאשֶׁעפֶער. עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אוּן דֶער טֶעלֶעפָאן צוּקְלִינְגְט זִיךְ ... אַ בַּאקַאנְטֶע קוֹל דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן צְוֵוייטְן זַייט אַז עֶס קוּמְט זֵיי אַ מַזָּל טוֹב, אַזוֹי רֶעדְנְדִיג דֶערְצֵיילְן זֵיי אַז זֵיי זוּכְן אַ דִּירָה אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט פַאר יוֹם טוֹב. אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן סֵייוִוי גֶעפְּלַאנְט אַוֶועקְצוּפָארְן אוֹיף יוֹם טוֹב פוּן אוּנְזֶער דִּירָה, הָאבְּן מִיר מִיט פְרֵייד זֵיי גֶעגֶעבְן אוּנְזֶער דִּירָה אוּן דִי סְכוּם פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אִיז גֶעוֶוען פוּנְקְט וָואס מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט...

אִיז דֶען דָא דִי וֶוערְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן ?!



יעדער אינגל מיט
זיין נקודה!

איין אינגל
לערנט וועגן ראש
-השנה

איינער דאנקט און
איז פריילִיך פארן
פאריעריגן ראש
השנה.

איין אינגל בענקט
מיט תפלות.

איינער שרייבט א
תפלה.

אלע ווילן
אנקומען צום
רבי'נס ציון,

**העלף זיי**
**ארויס...**



# ~ דִי נַיינְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דֶער חָכָם און דֶער תָּם

**מַעֲשֶׂה אַמָאל** זֶענֶען גִיוֶוען צְוֵויי בַּעֲלֵי בַּתִּים אִין אֵיין שְׁטָאט. און זֵיי הָאבְּן גִיהַאט גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. און הָאבְּן גִיהַאט גְרוֹיסֶע הַייזֶער.

**דִי צְוֵויי בַּעֲלֵי בַּתִּים** הָאבְּן גִיהַאט צְוֵויי זִין. דְהַיְינוּ אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט אֵיין זוּן. דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבְּן בֵּיידֶע גִילֶערִינְט אִין אֵיין חֵדֶר. און אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם און אֵיינֶער אִיז גִיוֶוען אַ תָּם. (נִיט עֶר אִיז גִיוֶוען אַ נַאר. נָאר זַיין שֵׂכֶל אִיז גִיוֶוען פְּרָאסְטִי אָן חָכְמוֹת) און דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. כָאטְשֶׁע אֵיינֶער אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם און דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גִיוֶוען אַ תָּם און זַיין שֵׂכֶל אִיז פְּרָאסְטִי גִיוֶוען. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ פָּארְט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט.

**אִין אַ צַייט אַרוּם.** הָאבֶּען אָן גִיהוֹיבְּן דִי בֵּיידֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים אַרָאפּ צוּ גֵיין. פוּן זֵייעֶר עֲשִׁירוּת. און זֶענֶען אַלְץ אַרָאפּ מַטָה מַטָה. בִּיז זֵיי הָאבְּן גָאר אָן גִיוואוֹרְן און זֶענֶען גִיוָוארְן אָרִימֶע לַייט. און סֶע אִיז זֵיי מֶער נִיט גִיבְּלִיבְּן נָאר זֵייעֶרֶע הַייזֶער. און דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבְּן אוּנְטֶער צוּ וואַקְסְן. הָאבְּן דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים גִיזָאגְט צוּ דִי קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן נִיט צוּ צָאלְן פַאר אַייךְ. מִיר קֶענֶען נִיט הַאלְטְן אַייךְ. טוּט אַייךְ וָואס אִיר וֶועט קֶענֶען. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער תָּם און הָאט זִיךְ גִילֶערִינְט שׁוּסְטֶערַיי.

**דֶער חָכָם** אִיז גִיוֶוען אַ בַּר הַבָנָה (כְּלוֹמַר אַ קְלוּגֶער אַ פַארְשְׁטַאנְדִיקֶער מֶענְטְשׁ) הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט זִיךְ נֶעמֶען צוּ אַזוֹי אַ פְּרָאסְטִי מְלָאכָה. און עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ לָאזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. און וֶועט זִיךְ אַרוּם קוּקְן וָואס עֶר זָאל טָאן. און עֶר אִיז אַרוּם גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַ גְרוֹיסֶע בְּרִיקֶע מִיט פִיר פֶערְד מִיט כָאמִיטִיס אִיז דוּרְךְ גִילָאפְּן.

**הָאט עֶר זִיךְ** אָנְגִירוּפְן צוּ דִי סוֹחְרִים פוּן וואַנֶעט זֶענְט אִיר. הָאבְּן זֵיי אִים גִיעֶנְטְפֶערְט פוּן וַוארְשֶׁא. וואוּ הִין פָּארְט אִיר. קֵיין וַוארְשֶׁא. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. טָאמֶער בַּאדַארְפְט אִיר אֵיין מְשָׁרֵתִיל. דִי סוֹחְרִים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ קְלוּגֶער יוּנְג און אַ בְּרְיָה. אִיז עֶר זֵיי גִיפֶעלְן. הָאבְּן זֵיי אִים מִיט גִינוּמֶען. אִיז עֶר גִיפָארְן מִיט זֵיי און הָאט זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵייעֶר פַיין.

**ווִי עֶר אִיז גִיקוּמֶען** קֵיין וַוארְשֶׁא מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בַּר הַבָנָה. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין וַוארְשֶׁא. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ הַאלְטְן בַּיי דִי סוֹחְרִים. טָאמֶער אִיז דָא אַ בֶּעסֶער אָרְט פוּן זֵיי. לָאם אִיךְ גֵיין זוּכְן. וֶועל אִיךְ זֶעהְן.

**און עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** אִין מַארְק. און עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן און נָאךְ צוּ פְרֶעגְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גִיבְּרַאכְט. און אוֹיבּ סֶע אִיז דָא אֵיין בֶּעסֶער אָרְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. אַז דִי לַייט (וָואס זֵיי הָאבְּן אִים אַהֶער גִיבְּרַאכְט) זֶענֶען עֶרְלִיכֶע לַייט. און סֶע גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין נָאר מַחְמַת דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּיי זֵיי צוּ זַיין. מַחְמַת זֵייעֶר מַשָׂא וּמַתָּן אִיז זֵייעֶר אִין ווַייטֶע עֶרְטֶער.

**דֶערְוַוייל** אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן גִיוֶועלְבְּ מְשָׁרְתִים. ווִי זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק. און זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַזוֹי ווִי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז. מִיט זֵייעֶרֶע חֵן. מִיט זֵייעֶרֶע הִיטְלֶעךְ און מִיט דִי שְׁפִּיצִיקֶע שִׁיךְ און מִיט דִי אִיבְּרִיקֶע חֵן. וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זֵייעֶר גַאנְג. און ווִי זֵיי גֵייעֶן אָנְגִיטָאן.

**און עֶר אִיז גִיוֶוען** אַ בַּר הַבָנָה און אַ קְלוּגֶער יוּנְג. אִיז אִים דִי זַאךְ זֵייעֶר גִיפֶעלְן מַחְמַת סֶע אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ. און סֶע אִיז אִין דֶער הֵיים אוֹיף אֵיין אָרְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גִיבְּרַאכְט. און הָאט זֵיי אָפְּגִידַאנְקְט. און הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אַז סֶע פַּאר אִים נִיט גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין. און דָאס וָואס זֵי הָאבְּן אִים גִיפִירְט אַהֶער דֶערְפַאר הָאט עֶר זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג.

**און עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** און הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת. און דֶער סֵדֶר פוּן דִי מְשָׁרְתִים. אַז פְרִיר מוּז מֶען זַיין אֵיין אוּנְטֶער מְשָׁרֵת. און מֶען מוּז טָאן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. און מְנֶעמְט ווַיינִיג שְׂכִירוּת. דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען עֶרְשְׁט אֵיין אֵייבֶּער מְשָׁרֵת.

פְלֶעגְט אִים שִׁיקְן צוּ שְׂרָרוֹת עֶר זָאל טְרָאגִין סְחוֹרָה אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן מְשָׁרְתִים. וָואס זֵי טְרָאגְן גִיוַואנְט אוֹיף דֶעם עֶלִינְבּוֹיגִין. אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גִיוֶועןן דִי אַרְבֶּעט. אַמָאל הָאט עֶר בַּאדַארְפְט אַרוֹיף גֵיין מִיט דֶער סְחוֹרָה. אוֹיף אַ הוֹיכְן גָארִין. אִיז דִי אַרְבֶּעט אוֹיף אִים שְׁוֶוער גִיוֶוען.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַ פִּילוֹסוֹף אַ בַּר הַבָנָה. וָואס טוֹיג מִיר דִי אַרְבֶּעט. דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נָאר פוּן דֶעם תַּכְלִית וֶועגִין. אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען חַתוּנָה הָאבְּן אוּן זָאל מִיר קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין. אִיךְ בַּאדַארְף נָאךְ דְרוֹיף נִיט צוּ קוּקִין. דְרוֹיף וֶועט צַייט זַיין שְׁפֶּעטֶער. דֶערְוַוייל. וֶועל אִיךְ מִיר בֶּעסֶער אוֹיס זַיין אַ וֶועלְט. אוּן וֶועל אָנְקוּקִין מְדִינוֹת.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק.** אוּן הָאט גִיזֶעהְן סֶע פָּארִין סוֹחֲרִים אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער בְּרִיקֶע. הָאט עֶר זֵי גִיפְרֶעגְט. וואוּ הִין פָּארְט אִיר. הָאבֶּען זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט. קֵיין לַאגוּרְנָא. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט וֶועט אִיר מִיךְ נֶעמֶען אַהִין. הָאבֶּען זֵיי אִים גִעֶנְפֶּערְט. יוֹא.

**הָאבֶּען זֵיי** אִים גִינוּמֶען אַהִין. פוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גִילָאזְט קֵיין אִטַלְיָא. פוּן אִטַלְיָא הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גִילָאזְט קֵיין שְׁפַּאנְיָא. דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָה יָארִין. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין נָאךְ מֶער חָכָם. מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אִין אַסַאךְ מְדִינוֹת. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. הַיינְט בַּאדַארְף מֶען שׁוֹין קוּקִין אוֹיף אֵיין תַּכְלִית.

**אוּן עֶר הָאט** אָנְגִיהוֹיבֶּען צוּ טְרַאכְטְן מִיט זַיין פִּילוֹסוֹפְיֶא (כְּלוֹמֶר מִיט זַיין חָכְמָה) וָואס עֶר זָאל טָאן. אִיז אִים גִיפֶעלִין אַז עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען גָאלְד אַרְבֵּייט. וָוארִין סֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶע מְלָאכָה אוּן סֶע אִיז אַ שֵׁיינֶע מְלָאכָה אוּן סֶע דְרִינֶען גְרוֹיס חָכְמָה. אוּן סֶע אִיז אַ רַייכֶע מְלָאכָה

**אוּן מַחְמַת** עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בַּר הַבָנָה אוּן אַ פִּילוֹסוֹף. הָאט עֶר נִיט בַּאדַארְפְט זִיךְ לֶערְנֶען דִי מְלָאכָה כַּמָה שָׁנִים. נָאר אִין אַ פֶּערְטִיל יָאר הָאט עֶר מְקַבֵּל גִיוֶוען דִי מְלָאכָה. אוּן אִיז גִיוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְלָאכָה.

**אוּן עֶר הָאט** גִיקֶענְט דִי מְלָאכָה בֶּעסֶער אֵיידֶער דֶער וָואס עֶר הָאט אִים אוֹיס גִילֶערִינְט. דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט וִויל אִיךְ מִיר דֶערְמִיט נִיט בַּאנוּגִין. וָוארִין הַיינְט אִיז חָשׁוּב דָאס. טָאמֶער אַנַאנְדֶערֶע צַייט וֶועט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ חָשׁוּב זַיין.

**אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי אַ שְׁטֵיין שְׁנַיידֶער. אוּן מַחְמַת זַיין חָכְמָה הָאט עֶר דִי מְלָאכָה. אוֹיךְ מְקַבֵּל גִיוֶוען אִין אַ קְלֵיינֶער צַייט. אִין אַ פֶּערְטִיל יָאר. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען מִיט זַיין פִּלוּסוּפְיֶא. כָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אִין דֶער הַאנְט צְוֵויי מְלָאכוֹת. וֶוער וֵייסְט טָאמֶער וֶועלְן בֵּיידֶע נִיט חָשׁוּב זַיין.

**בְּכֵן אִיז פַּאר מִיר גוּט.** אַז אִיךְ זָאל מִיךְ לֶערְנֶען אַזוֹי אַ מְלָאכָה וָואס זִי זָאל תָּמִיד חָשׁוּב זַיין. הָאט עֶר גִיקְלֶערְט מִיט זַיין הַבָנָה אוּן מִיט זַיין פִּלוּסוּפְיָא. אַז עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען דָאקְטִירַיי. וָוארִין דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִדַארְף תָּמִיד אוּן סֶע אִיז תָּמִיד חָשׁוּב. אוּן דֶער סֵדֶר אִיז.

**אַז מִוויל זִיךְ לֶערְנֶען דָאקְטִירַיי.** מוּז מֶען זִיךְ פְרִיר לֶערְנֶען לִיטֵיינִישׁ דָאס לָשׁוֹן אוּן דָאס כְּתַב. אוּן מְמוּז לֶערְנֶען פִּלוּסוּפְיֶא. אוּן עֶר מַחְמַת זַיין הַבָנָה (דְהַיינוּ פַארְשְׁטַאנְדִיקַייט) הָאט עֶר דָאס אוֹיךְ אוֹיס גִילֶערִינְט אִין אַ קְלֵיינֶער צַייט. אִין אַ פֶּערְטִיל יָאר. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער אוּן אַ פִּילוֹסוֹף. אוּן אַ חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת.

**דֶערְנָאךְ** הָאט בַּיי אִים אָנְגִיהוֹיבִּין דִי וֶועלְט וֶוערִין כְּלֹא (כְּלוֹמֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּיי אִים גִיוֶוען גָאר נִיט) דְהַיינוּ עֶר הָאט גִיהַאלְטְן אַז קֵיינֶער הָאט קֵיין שֵׂכֶל נִיט. וָוארִין מַחְמַת זַיין חָכְמָה. וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען אַזוֹי אֵיין גְרוֹיסֶער בַּעַל מְלָאכָה. אוּן אַזוֹי אַ חָכָם אוּן אַזוֹי אַ דָאקְטֶער.

**אִיז אִיטְלִיכֶער** פוּן דֶער וֶועלְט בַּיי אִים גִיוֶוען כְּלֹא (גְלַייךְ וִוי נִישְׁט) אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין מַאכִין אַ תַּכְלִית. אוּן וֶועט נֶעמֶען אַ וַוייבּ. הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרַאכְט אִין דֶער דֵעָה. אַז אִיךְ וֶועל דָא חַתוּנָה הָאבִּין. וֶוער וֶועט וִויסִין. וָואס פוּן מִיר אִיז גִיוָוארְן. לָאם אִיךְ מִיךְ בֶּעסֶער אוּם קֶערִין אַהֵיים. כְּדֵי מֶען זָאל זֶעהְן וָואס פוּן מִיר אִיז גִיוָוארִין. אִיךְ בִּין אַוֶועק אַ קְלֵיין יוּנְגִיל. אוּן הַיינְט בִּין אִיךְ גִיקוּמֶען צוּ אַזוֹי אֵיין גְדוּלָה.

**אוּן עֶר הָאט** זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן אוּן אִיז גִיפָארְן אַהֵיים. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים אוֹיף דֶעם וֶועג וָוארִין מַחְמַת זַיין חָכְמָה. הָאט עֶר מִיט קֵיינֶעם נִיט גִיהַאט צוּ שְׁמוּסְן. אוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין אַרְבִּירִיק אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל. הָאט עֶר גִיהַאט אַלְץ גְרוֹיסֶע יְסוּרִים תָּמִיד.

**דֶערְוַוייל לָאמִיר אַוֶועק לֵייגְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חָכָם. מִיר וֶועלְן אָנְהֵייבְּן דֶער צֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם תָּם.**

**דֶער תָּם** הָאט זִיךְ גִילֶערְנְט שוּסְטֶערַיי. אוּן מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אַ תָּם. הָאט עֶר גִימוּזְט זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי מְלָאכָה בִּיז עֶר הָאט מְקַבֵּל גִיוֶוען. אוּן הָאט דִי מְלָאכָה נִיט גִיקֶענְט אִין גַאנְצְן. אוּן עֶר הָאט גִינוּמֶען אַ וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גִיוֶוען פוּן דֶער מְלָאכָה.

**אוּן מַחְמַת** עֶר אִיז גִיוֶוען אַ תָּם אוּן עֶר הָאט דִי מְלָאכָה נִיט גִיקֶענְט אַזוֹי וִוי מֶען בַּאדַארְף. מַחְמַת דֶעם. אִיז זַיין פַּרְנָסָה גִיוֶוען מִיט גְרוֹיס דוֹחַק אוּן זֵייעֶר בְּצִמְצוּם. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיהַאט צַייט אֲפִילוּ צוּ עֶסְן. וָוארִין עֶר הָאט תָּמִיד גִימוּזְט אַרְבֶּעטְן. מַחְמַת עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט דִי מְלָאכָה אִין גַאנְצְן. נָאר בְּשַׁעַת עֶר הָאט גִיאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט אַיין גִישְׁטֶעקְט דִי נָאל אוּן הָאט דוּרְךְ גִינוּמֶען דִי דְרַאטְווִיא. דֶעמוּלְט הָאט עֶר אַ בִּיס גִיטָאן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט אוּן הָאט גִיגֶעסְן.

**אוּן זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען. עֶר אִיז תָּמִיד פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען נָאר אִין שִׂמְחָה תָּמִיד.** אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אַלֶע מַאֲכָלִים אוּן אַלֶע מַשְׁקָאוֹת אוּן אַלֶע מַלְבּוּשִׁים.

**עֶר פְלֶעגְט** זָאגְן צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר עֶסְן הָאט זִי אִים גִיגֶעבְּן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט. הָאט עֶר גִיגֶעסְן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיזָאגְט. גִיבּ מִיר דִי יוֹךְ מִיט קַאשֶׁע. הָאט זִי אִים אָפּ גִישְׁנִיטְן נָאךְ אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסְן. אוּן הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט. וָואס פַאר אַ גוּטְקֵייט אוּן וָואס פַאר אַ ווּאוֹילְקֵייט דִי יוֹךְ אִיז.

**אוּן אַזוֹי הָאט** עֶר זִיךְ גִיהֵייסְן גִיבִּין פְלֵיישׁ. הָאט זִי אִים ווִידֶער גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. הָאט עֶר גִיגֶעסְן. אוּן הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן הָאט גִיזָאגְט וָואס פַאר אַ ווּאוֹילְקֵייט דָאס פְלֵיישׁ אִיז. אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע מַאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גִיהֵייסְן גִיבְּן אוּן פַאר אִיטְלִיכְן מַאֲכָל וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיהֵייסְן גִיבִּין הָאט זִי אִים אַלְץ גִיגִיבְּן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט.

**אוּן עֶר הָאט** דֶערְפוּן זֵייעֶר גְרוֹיס תַּעֲנוּג גִיהַאט אוּן הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט דָאס גִירֶעכְט. וָואס פַאר אַ גוּטְקֵייט סֶע אִיז גְלַייךְ ווִי עֶר וָואלְט עֶס מַמָשׁ גִיגֶעסְן. וָוארִין עֶר פְלֶעגְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת פִילְן אִין דֶעם בְּרוֹיט וָואס עֶר הָאט גִיגֶעסְן דֶעם טַעַם פוּן כָּל הַמַאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט. מַחְמַת זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת אוּן זַיין פְרֵיילִיכְקֵייט הָאט עֶר גִיפִילְט דֶעם טַעַם אִין בְּרוֹיט גְלַייךְ ווִי עֶר עֶסְט כָּל הַמַאֲכָלִים.

**אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זָאגִין.** מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר אַ טְרוּנְק בִּיר. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן וַואסֶער. פְלֶעגְט עֶר לוֹיבִּין וָואס פַאר אַ ווּאוֹילְקֵייט דָאס בִּיר אִיז. נָאךְ דֶעם הָאט עֶר גִיהֵייסְן גִיבּ מִיר מֶעד. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן וַואסֶער הָאט עֶר אוֹיךְ אַזוֹי גִילוֹיבְּט. וָואס פַאר אַ גוּטֶער מֶעד דָאס אִיז. גִיבּ מִיר וַויין אָדֶער אַנְדֶערֶע מַשְׁקָאוֹת. הָאט זִי אִים אַלְץ גִיגִיבְּן וַואסֶער. אוּן עֶר הָאט תַּעֲנוּג גִיהַאט אוּן הָאט גִילוֹיבְּט דִי מַשְׁקֶה גְלַייךְ ווִי עֶר טְרִינְקְט זִי.

**אוּן אַזוֹי אִין מַלְבּוּשִׁים.** אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען. עֶר מִיט זַיין וַוייבּ הָאבִּין בֵּיידֶע גִיהַאט אֵיין פֶּעלְץ אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ פֶּעלְץ דְהַיְינוּ אִין מַארְק צוּ גֵיין. פְלֶעגְט עֶר זָאגִין מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר דֶעם פֶּעלְץ. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן.

**אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט** אַ טוּלִיפּ גֵיין צְווִישְׁן לַייט. הָאט עֶר גִיזָאגְט. מַיין וַוייבּ גִיבּ מִיר דֶעם טוּלִיפּ. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר גְרוֹיס תַּעֲנוּג צוּ הָאבִּין. אוּן פְלֶעגְט לוֹיבִּין. וָואס פַאר אֵיין ווּאוֹילְקֵייט דֶער טוּלִיפּ אִיז.

**אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט** אֵיין קַאפְּטִין אִין שׁוּל אַרַיין צוּ גֵיין. הָאט עֶר גִיהֵייסְן אוּן הָאט גִיזָאגְט. מַיין וַוייבּ גִיבּ מִיר דֶעם קַאפְּטִין. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ.

**פְלֶעגְט עֶר צוּ לוֹיבִּין** אוּן הָאט גִיזָאגְט וָואס פַאר אַ פַיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַ שֵׁיינְקֵייט דֶער קַאפְּטִין אִיז. אוּן אַזוֹי אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אָן טָאן אַ יוּפָּא. הָאט זִי אִים אוֹיךְ גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ לוֹיבִּין אוּן הָאט תַּעֲנוּג גִיהַאט, וָואסִיר אַ פַיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַ שֵׁיינְקֵייט דִי יוּפָּא אִיז. אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע זַאכִין. **אוּן עֶר אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד.**

המשך פון זייט 11

# וָואס מֵיינְט אַ גוּטֶער חָבֵר?!

מֶען קֶען זִיךְ שְׁפִּילְן אוּן פַּארְבְּרֶענְגֶען אָבֶער מִיט אַ אֵיידֶעלֶע אוֹיפְפִירוּנְג וָואס בְּרֶענְגְט אֱמֶת'ע שִׂמְחָה אוּן נָאנְטְקֵייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אוּן זַיין דֶער מְשַׁמֵּשׁ פוּן רֶבִּי'ן אוּן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת. זֶעט מֶען וָואס דָאס מֵיינְט אַז מֶען חַבֶר'ט זִיךְ מִיט אַ גוּטֶער חַבֵר. בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים גֵייעֶן טַאקֶע צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹנְ'ס צִיּוּן אִין צְפַת'עֶר בֵּית הַחַיִּים, עֶר לִיגְט הַארְט נֶעבְּן צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י זַ"ל. (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן מָקוֹם לֵידָתוֹ וִישִׁיבָתוֹ)

## די נײַנטע מעשה (1) ־ פונעם חכם מיטן תם

**א. וואס איז דער תם געווען?**
- ☐ א נאר.
- ☐ ער פארשטייט נישט א ענין.
- ☐ זיין שכל איז געווען פראסט, אן חכמות.

**ב. דעם חכם מיטן תם האבן זאך ליב געהאט?**
- ☐ ניין.
- ☐ זיי האבן זיך זייער ליב געהאט.
- ☐ זיי האבן זיך ליב געהאט.

**ג. וואס איז געבליבן פונעם גאנצן פארמעגן פון זייערע עלטערן?**
- ☐ נאר זייערע הייזער.
- ☐ נאר זייער פערד און וואגן.
- ☐ זיי זענען געבליבן אן גארנישט.

**ד. פארוואס האט דער חכם נישט געוואלט לערנען שוסטעריי?**
- ☐ ווייל עס איז גאר א שווערע ארבעט.
- ☐ ווייל עס איז א פראסטי מלאכה.
- ☐ ווייל מ'מאכט נישט גענוג פרנסה פון שוסטעריי.

**ה. וואו אהין איז דער חכם געפארן די ערשטע?**
- ☐ צו איטליא.
- ☐ צו שפאניא .
- ☐ צו ווארשא.

**ו. פארוואס איז געפעלן פאר דעם חכם, גְוועלבְּ (סחורה) משרתים?**
- ☐ ווייל זיי זענען געגאנגען מיט זייערע חן, און עס איז א שיינע זאך.
- ☐ עס איז אין דער הוים, אויף איין ארט.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. עס איז געווען שווער פארן חכם די ארבעט?**
- ☐ נאכן ארבעטן א פאר שעה איז אים געווארן שווער.
- ☐ ניין.
- ☐ יא.

**ח. אוואו איז געפארן דער חכם נאכדעם?**
- ☐ צו איטליא, און פון דארט צו שפאניא און פון דארט צו לאגורנא.
- ☐ צו שפאניא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו לאגורנא.
- ☐ צו לאגורנא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו שפאניא.

**ט. וועלכע מלאכה האט דער חכם געלערנט אין אנהויב?**
- ☐ שטיין שניידער.
- ☐ דאקטעריי.
- ☐ גאלד ארבעט.

**י. אין וויפל צייט האט דער חכם געלערנט די מלאכה?**
- ☐ אין א האלבע יאר.
- ☐ אין איין יאר.
- ☐ אין א פערטל יאר.

**יא. וואס איז געווארן מיטן חכם, נאך וואס ער איז געווארן א דוקטור און א פילוסוף ?**
- ☐ מכבד געווען פאר ווער עס איז א חכם ווי אים.
- ☐ די וועלט האט אים אנגעהויבן ווערן ווי גאר נישט.
- ☐ ער האט געוואלט לערנען נאך א מלאכה.

**יב. דער חכם האט זיך אום געקערט אהיים כדי צו חתונה האבן, פארוואס?**
- ☐ ווייל ביי זיין שטאט וועט ער טרעפן א ווייב א יראת שמים.
- ☐ ווייל ער האט נישט געטראפן זיין פאסיגע כלה ביי זיין פלאץ.
- ☐ כדי מען זאל זעהן וואס איז פון אים איז געווארן.

**יג. פארוואס איז געווען די פרנסה פון דער תם מיט גרויס דוחק און זייער בצמצום?**
- ☐ ווייל ער האט זיך געפוילט ביי זיין ארבעט.
- ☐ ווייל ער האט נישט געקענט די מלאכה אזוי ווי מען דארף.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואספארא שטייגער האט דעם תם געהאט?**
- ☐ ער איז געווען בעצבות.
- ☐ ער איז אמאל פריילך געווען.
- ☐ ער איז געווען תמיד פריילך.

**טו. וואס האט דער תם געזאגט פאר זיין ווייב ווען ער האט איר געבעטן פלייש און זי האט אים געגעבן ברויט?**
- ☐ ער האט געהאט טענות אויף איר פארוואס ברענגט זי אים ברויט.
- ☐ ער האט געשוויגן און מקבל געווען יסורים באהבה.
- ☐ ער האט זייער געלויבט דאס גירעכט (מאכל), וואס פארא גוטקייט עס איז.

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה ביז דערווייל ?**
- ☐ אז עס איז כדאי צו זיין א חכם .
- ☐ אז עס איז כדאי צו זיין א תם.
- ☐ ______________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

# בֶּערֶעלֶע אִיז נִישְׁטָא, אַהֲרֶ'לֶע אִיז נִישְׁטָא!

לָאמִיר זִיךְ אוּנְטֶערְהֶערְן אַ שְׁמוּעֶס פוּן ר׳ לֵוִי יִצְחָק, וֶועגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס *רֹאשׁ הַשָּׁנָה*.

דִי צַוָואָה פוּן רֶבִּי׳ן – דִי לֶעצְטֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר עֶר אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי דָארְט אִין סִימָן ח׳ חֵלֶק שֵׁנִי, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלֶה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז עֶס קוּמְט צוּ אֲפִילוּ נָאר אֵיין נֶפֶשׁ – אֵיין אִיד צוּ הֵיילִיגְן קִיבּוּץ וָואסְפַארַא גְרוֹיסְקַייט דָאס אִיז!

ס׳אִיז גֶעוֶוען דֶער לֶעצְטֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז ר׳ אַהֲרֹן דֶער רָב נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב נָאךְ פֶּסַח - נָאךְ דִי שְׂרֵפָה, אוּן ר׳ אַהֲרֹן אִיז גֶעקוּמֶען מִיטְ'ן רֶבִּי׳ן קֵיין אוּמַאן, אוּן גֶעזֶעצְן מִיטְ'ן רֶבִּי׳ן כִּמְעַט דֶעם גַאנְצְן זוּמֶער אִין אוּמַאן. וֶוען ר׳ אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן דֶער שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּם רֶבִּי׳ן: "אִיר זֶענְט אַוֶועקְגֶעפָארְן, אָבֶער אִיר הָאט אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אוּנְזֶער רָב, מִיר הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קֵיין רָב, מִיר דַארְפְן הָאבְּן אַ רָב!"

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויזְן פַאר ר׳ אַהֲרֹנְ'עֶן דֶעם בְּרִיוו: "אַזַא בְּרִיוו אִיז גֶעקוּמֶען פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין רָב"! זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין רָב! הָאט ר׳ אַהֲרֹן דֶער רָב גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: "זָאל אִיךְ צוּרִיקְפָארְן [אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה]?" זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן דֶעם צַעַר וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה"!

הָאט ר׳ אַהֲרֹן גֶעזָאגְט: "נוּ, וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן דָא"!

זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "דִי שְׁטָאט אִיז דָאךְ גֶערֶעכְט"!

פְרֶעגְט ר׳ אַהֲרֹן צוּרִיק, "זָאל אִיךְ פָארְן?"

זָאגְט דֶער רֶבִּי ווִידֶער ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט [דִי צַעַר וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן]

פְרֶעגְט ר׳ אַהֲרֹן ווִידֶער: זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן דָא?!

דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער נִישְׁט גֶעזָאגְט "טוּ אַזוֹי אוּן אַזוֹי"!

נוּ, אִיז ר׳ אַהֲרֹן אַוֶועקְגֶעפָארְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֵיין בְּרֶסְלֶב! וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אוֹיפְ'ן וֶועג ר׳ נָתָן מִיט ר׳ נַפְתָּלִי׳ן פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי׳ן, זֵיי פְרֶעגְן פוּן ר׳ אַהֲרֹן וואוּ פָארְסְטוּ אַוֶועק אִיצְטֶער?!" דֶערְצֵיילְט עֶר זֵיי דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַזוֹי גֶעזָאגְט!

זָאגְן זֵיי אִים: "וָואס?! אַז דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז טְרַייבְּן מִיט דְרִיקֶעס [אַ שְׁטִיק הָאלְץ] אוֹיפְ'ן קָאפּ וֶועלְן מִיר דֶען אַוֶועקְפָארְן פוּנֶעם רֶבִּי׳נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה"?!

אָבֶער ס'הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, ר׳ אַהֲרֹן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אִים גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן דֶעם צַעַר וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין בַּיי

מיר ראֹש הַשָּׁנָה"!

אונזערע לַייט פְּלֶעגְן זָאגְן אַז ס'קֶען זַיין אַז וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, וָואלְט דֶער רֶבִּי נִישְׁט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן! און דָאס הָאט דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז גֶעוֶוען "דֶער צַעַר וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן" וַוייל עֶס הָאט גֶעפֶּעלְט פוּנֶעם קִבּוּץ!

ס'הָאט גֶעפֶּעלְט נָאךְ אֵיינֶער בַּיים קִבּוּץ. אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן 'ווינִיצֶע' וָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן, און אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען ר' אַהֲרֹן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעכְנְט בֵּיידֶע צוּזַאמֶען - יֶענֶער הָאט גֶעהֵייסְן דַאכְט זִיךְ 'בֶּערֶעלֶע'. "אַהֲרַלֶ'ע אִיז נִישְׁטָא און בֶּערֶעלֶע אִיז נִישְׁטָא"! בֶּערֶעלֶע פוּן ווינִיצֶע אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, און ר' אַהֲרֹן דֶער רָב – אִיז גֶעוֶוען אַ גָּדוֹל! דֶער אָדָם גָּדוֹל הָאט גֶערֶעכְנְט בֵּיידְן צוּזַאמֶען: "עֶר אִיז נִישְׁטָא און דֶער אִיז נִישְׁטָא"! וַוייל בַּיים קִיבּוּץ אַז ס'פֶּעלְט אוֹיס אֵיינֶער, אִיז נִישְׁט קַיין נָפְקָא מִינַּהּ וֶוער דֶער אֵיינֶער אִיז, אוֹיב עֶר פֶּעלְט - פֶּעלְט עֶר! און אַז ס'קוּמְט צוּ אֵיינֶער אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, עֶס וֶוערְט נִתּוֹסֵף דִי קְדוּשָּׁה מֶער און מֶער!



דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אִין דִי תּוֹרָה, "וּבַל יֹאמַר שָׁכֵן חָלִיתִי, הָעָם הַיּוֹשֵׁב בָּהּ נְשׂוּא עָוֹן." נוּ, הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעוואוּנְקֶען אִין דֶער תּוֹרָה, אַז וֶוען ר' אַהֲרֹן דֶער רָב זָאל וֶוען זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואלְט דֶער רֶבִּי גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה!

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶערֶעדְט קְלָאר דֶער זַאךְ, נָאר גֶעזָאגְט בְּרֶמֶז, שׁוֹין, אוֹיךְ גֶענוּג גֶעזָאגְט, "דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִיט אוֹיסְמָאלְן דֶעם צַעַר וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה", הָאט דֶער רֶבִּי שׁוֹין גֶענוּג גֶעזָאגְט! ר' אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, 'אַז עֶר הָאט גֶענוּצְט זְכוּת אָבוֹת צוּ בְּרֶענְגֶען ר' אַהֲרֹנֶ'ען אַלְס רָב אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב!' אַזוֹי גְרוֹיס אִיז ר' אַהֲרֹן גֶעוֶוען. ס'אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְד! דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מְשַׁעֲשֵׁעַ גֶעוֶוען מִיט אִים, אָבֶער אִין דִי זַאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעשְׁטוֹיסְן [נִישְׁט אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען צוּ סוֹף דַּעַת פוּנֶעם רֶבִּי'ן] און עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ דִּבּוּר וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן צַדִּיקְ'ס מוֹיל, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר גוּט אַרַיינְקְלֶערְן אִין צַדִּיקְ'ס דִּבּוּר, אִין יֶעדֶער דִּבּוּר וָואס אִיז אַרוֹיס מִפִּי הַצַּדִּיק! דֶער צַדִּיק זָאגְט אַ דִּבּוּר, אָבֶער ס'קֶען נִישְׁט זַיין אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְרֶעדְן דֶעם דִּבּוּר אַזוֹי קְלָאר אַרוֹיס, אַרוֹיסְרֶעדְן יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט, דָאס קֶען נִישְׁט דֶער צַדִּיק!

דֶער צַדִּיק זָאגְט - דוּ זֵיי מְעַיֵּן אִין דֶעם, עֶטְלִיכֶע מָאל זֶעט מֶען אִין גְּמָרָא: "גֵיי, וֶועסְטוּ גֶעפִינֶען" - "נָפַק וְדוֹק וְתִשְׁכַּח!" אַמָאל זָאגְט דֶער רֶבִּי צוּ זַיין תַּלְמִיד אַ זַאךְ, און דֶער תַּלְמִיד פְּרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס? זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: גֵיי זַיי מְעַיֵּן, גֵיי וֶועסְטוּ גֶעפִינֶען!

# דער ריינער קוואל

בְּלָאטֶע צוּ מַאכְן רְצוֹן הַשֵּׁם - יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם הֵייסְט אַ מִצְוָה, דַארְף מֶען זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין בְּלָאטֶעס צוּ טוּן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ נַחַת רוּחַ.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אִין תּוֹרָה אַזוֹי, "צָרִיךְ כָּל אֶחָד דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת. צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה מַעֲשָׂיו יוֹתֵר מֵחָכְמָתוֹ." דִי פַּאקְטִישֶׁע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט דַארְף זַיין מֶער וִוי דָאס קְלוּגְשַׁאפְּט - ווִיסְנְשַׁאפְּט. כִּי לֹא הַמִּדְרָשׁ עִיקָר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה, דֶער עִיקָר אִיז עֲשִׂיָּה, טוּן לְמַעֲשֶׂה. ס'נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען ווֵייסְט וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן.

ר' שְׁמוּאֵל מֵאִיר אַנְשִׁין, אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן, וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט גֶענוּמֶען דֶעם פָּסוּק מִיט דִי רַשִׁ"י אוּן עֶס צוּגֶעקְלֶעפְּט אוֹיף זַיין פֶּענְסְטֶער, כְּדֵי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְמַאנֶען פוּן דֶעם פָּסוּק, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז, "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ." עֶר הָאט צוּגֶעקְלֶעפְּט דֶעם צֶעטְל צוּזַאמֶען מִיט דִי רַשִׁ"י, צוּ גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין, נָאר לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן טוּן דֶעם רְצוֹן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען פַארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיטְ'ן גְרוֹיסְן קִבּוּץ אוּן מַאכְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ נַחַת רוּחַ, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּנְזֶערֶע אַלֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן טַאקֶע אִין אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן תּוֹרָה, אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַארְזִיכֶערְט אִין אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וַעֲשֵׂה לִי מַטְעַמִּים אֲשֶׁר אָהַבְתִּי". דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת פוּן אֱלוּל. לָאמִיר אֵיינְרֵייסְן וֶועלְטְן אַז דֶער קִבּוּץ זָאל זַיין כְּתִקּוּנוֹ אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד.

**אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**



# דעם רבי'נס פייס

הָאט עֶרְגֶעצְט זַיין פָּאטֶער'ס שְׁטֶעלֶע וֶועלְכֶער הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטָאט נָאךְ וָואס דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעלֵייגְט פִּיסְלֶעךְ אוּן אִים גֶע'רוֹדֶפְט.

ר' מֹשֶׁה דֶערְצֵיילְט: "בַּיים תְּנָאִים הָאט דֶער מְחוּתָּן, ר' הֶערְצֶעלֶע, גֶעפְרֶעגְט דֶעם חָתָן, חַיִּים בִּנְיָמִין: 'וָואס פְּלַאנְסְטוּ צוּ טוּן נָאךְ דֶער חֲתוּנָה פַאר פַּרְנָסָה?' נָאךְ אֵיידֶער דֶער חָתָן הָאט גֶעהַאט צֵייט צוּ עֶנְטְפֶערְן, הָאבְּן דִי חֲבֵרִים זִיךְ צוּזִינְגֶען: "הוּא הַזָּן, הוּא הַמְּפַרְנֵס - עֶר שְׁפַּייזְט עֶר גִיבְּט פַּרְנָסָה!" אוּן מִיט דֶעם הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דֶער שְׁמוּעֶס..."

ר' חַיִּים בִּנְיָמִינְ'ס זוּן, ר' יְחֶזְקֵאל בְּרָאד, דֶערְצֵיילְט וִוי פָאלְגְנְד:

"דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין פָּאטֶער אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען נָאכְן קָאמֶענִיסְטִישְׁן אוֹיפְשְׁטַאנְד. גְלַייךְ נָאךְ דֶער חֲתוּנָה וֶוען עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה הָאט עֶר גֶעהַאט נָאר צְוֵויי אָפְּצִיעֶס, הוּנְגֶערְן פַאר אַ שְׁטִיקל בְּרוֹיט אָדֶער אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת. מֶעזִיבוּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל, בַּאגְרֶענִיצְט צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה. וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם אוֹיבֶּערְהַאנְט, זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן אִידִישֶׁע קָאמֶענִיסְטְן אִין דִי שְׁטָאטִישֶׁע אָפִּיסֶעס. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַן אוֹיסְוַואל צוּ עֶפֶענֶען אַן אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס, אַז מֶען הָאט גֶעזוּכְט אַ קְוַואל פַאר פַּרְנָסָה הָאט מֶען גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע מְשׁוּמָּדִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְאוֹיס אוֹיסְגֶענוּמֶען אַ תְּנַאי: "אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת" רַחֲמָנָא לִיצְלַן.

המשך אי"ה קומענדיגע וואך



פון ספר 'שלהבת בכפור' מיט רשות פונעם מחבר

# וָואס מֵיינְט אַ גוּטֶער חָבֵר?!

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ אִינְג הָאט עֶר גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ גוּטֶער חָבֵר צוּ קֶענֶען צוּזַאמֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אֱמֶת אוּן עֶרְלִיכְקֵייט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט וִויסְן וֶוער אִיז טַאקֶע אַ עֶרְלִיכֶער אִינְגְל זִיךְ צוּ קֶענֶען מִיט אִים חַבְר'ן? הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן אַ אִינְגְל אוּן דֶער זַייט אוּן פְּרֶעגְט אִים: "וִוילְסְטוּ זִיךְ חַבְר'ן מִיט מִיר?! לָאמִיר גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט מ'וֶועט מַאכְן אַ לֶעבְן, עֶס לוֹינְט זִיךְ!!"

דֶעם חָבֵר שְׁמֶעקְט עֶס גַאנְץ גוּט אוּן זָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "יָא, אִיךְ זוּךְ טַאקֶע אַזַא סָארְט חָבֵר, לָאמִיר שׁוֹין וֶוערְן פֶּעסְטֶע חֲבֵרִים!"

זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "נֵיין, אָבֶּער אִיךְ זוּךְ נִישְׁט אַזַא סָארְט חָבֵר, אִיךְ גֵיי נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע טֶעג מִיט פּוּסְטֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ דִיר נָאר גֶעוָואלְט פְּרוּבִּירְן אוֹיבּ דִי בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגְל".

אַזוֹי גֵייט דֶער רֶבִּי צוּ נָאךְ אַ אִינְגְל אוּן פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיךְ אוֹיס אוֹיף זַיין וֶועג, וֶוען דֶער אִינְגְל הָאט זִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ דֶעם גְלֶעגֶנְצֶענְדְן מְצִיאָה צוּ הָאבְּן אַ חָבֵר, אַ גוּטֶער חֶבְרָה מַאן וָואס מֶען קֶען מִיט אִים הָאקְן אַ לֶעבְן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים צוּרִיקְגֶעוִויזְן, "אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אָבֶּער אִיךְ זִיךְ עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ וִויל דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג."

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶערוּפְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן אוֹיךְ מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט חָכְמָה, וִוי גְלַייךְ אַז דֶער רֶבִּי וִויל חַס וְשָׁלוֹם טוּן נַארִישְׁקַייטְן אוּן גֵיין לֵיידִיג! רֶבִּי שִׁמְעוֹן שְׁטֵייט עֶרְשְׁטוֹינְד אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶּער עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן פּוּסְטֶע, נַארִישֶׁע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי פְּרֶעגְט אִים: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס וִוילְסְטוּ נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע זַאכְן אוּן מַאכְן אַ לֶעבְן?!"

"אִיךְ בִּין אַ תָּם, אִיךְ וִויל זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת," עֶנְטְפֶערְט אִים ר' שִׁמְעוֹן.

זָאגְט דֶער רֶבִּי: "עֶס זֶעט אוֹיס אַז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זַיין גוּטֶע חֲבֵרִים, סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען!"

דֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַז עֶר הָאט אוֹיסְפְּרוּבִּירְט עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים אוּן גֶעזֶען אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קֵיין עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, לֵיידֶער טוּעֶן זֵיי עֲבֵרוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן זֶענֶען וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין פֶעלְד אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִשְׁתּוֹקְקוּת אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט. דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם תַּכְלִית נָאר זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט אוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אִין טָאג פוּן רֶבִּי'נְס חֲתוּנָה וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּר-מִצְוָה בָּחוּר! דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁפַּאצִירְט אוּן גֶערֶעדְט פוּן תַּכְלִית בִּיזְן גֵיין צוּ דֶער חֻפָּה.

טַייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן נֶעמֶען נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אֵיידְל אוּן פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אִיְנגְלֶעך וָואס זוּכְן דֶעם אֱמֶת'ן תַּכְלִית,

המשך אויף זייט 7



# עס ווערט געזוכט...!

# ...די נאמען

פאר די נייע מתמידים וואס וועט זיך בעזר השם עפענען ווינטער תשפ״ג, פאר די ברסלב׳ע קינדער פון אמעריקא, קאנאדא, אייראפע.

דער נאמען פון דער מתמידים געפינט זיך דא אונטן צווישן אלע נעמען, זוך עס אויף און קלינג אריין אין טעל ליין, מיט דיין נאמען, שטאט וואו דו וואוינסט, טעלעפאן, כתה.

מען קען אויסוועלן ביז דריי נעמען.

646-213-4766

ענגלאנד 020-37459540

**דער געווינער וועט באקומען א סעט ליקוטי הלכות!**

א מחיה * אבני קודש * אוהל תורה * אולפן חדת * אוצרות * אור זורח * אור תורה * אורייתא * אחדות אמרי נועם * אריינכאפן * אשרינו * בן מלך * בן תורה * בני הנעורים * בפיך ובלבבך * ברכת התורה דפים * דרך הלימוד * המשכה * התחדשות * התמדה * התמדת התורה * והודעתם לבניך * זריזים זריחה * חבורה * חברותא * חברים * חטוף ואכול * חיים טובים * חן דקדושה * חן התורה * חשק התורה * יום-יום * ינוקא * יסודות * ישוב הדעת * כסדר * כסדרן * כתר תורה * לב התורה * להבין * ללמוד * להחיות * להמשיך * לומד תורה * לחטוף טוב * לימוד התורה * מחכימת * מעלות-תורה מקור חיים * מקור חכמה * משיבת נפש * משכן התורה * מתיקת התורה * מתמיד * נחל נובע * נעימות * נצח * נקודות-טובות * סגולה * על התורה * עסק התורה * עץ חיים * עת ללמוד * עת לעשות * פרישקייט * פרפראות * קביעות * קבלת התורה * קבלת עול * קיום התורה * קומי רוני * קמץ אלף * קנינים * שיעורים כסדרם * שלהבת * שמחת התורה * שמחת לב * שעשועים * שפתי תורה * תורה בקביעות * תורת השם * תורה תמימה * תורת חסד * תורת משה * תכלית * תמימי דרך